ל. קוויטקאָ

רויטע אַרמיי

פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע 1938

ל. קוויטקאָ

רויטע ארמיי

ל י ד ע ר

★

פארלאג „עמעס“, מאָסקווע 1938

אנטקעגנ די פײַנט די צעשטעלטע

אנטקעגנ די פײַנט די צעשטעלטע
שטײט סטאלינ — א פעלדז קעגנ זײ, —
אונ אלע סאָוועטישע פעלקער
זײַנענ זײַנ רויטע ארמײ!

עס וועט אײַכ דענ העלפנ, איר שלאנגענ,
איר קענט זיכ פּארשטעלנ פאר שאָפ. —
מיר וועלנ סײַווי אײַכ דערלאנגענ,
צונישט מאכנ אײַכ ביזנ סאָפ.

די ערד בא אונדז איז שוינ אזאמינ,
פארלײַדט ניט קײנ קרעצ אפ איר גופ.
מיר זײַנענ געוווינט צו פאראמענ
אזוי, אז ס׳זאָל רײנ זײַנ די לופט!

ס'זאָל ריינ זײַנ, אונ פריילעכ, אונ זויבער,
ווי לענינס אונ סטאלינס פארשטאנד,—
צעשלאָגנ די בלוטזויגער, רויבער,
איז קיינמאָל ניט מיד אונדזער האנט!

אנטקעגנ די פײַנט די צעשטעלטע,
שטייט סטאלינ — א פעלדז קעגנ זיי —
אונ אלע סאָוועטישע פעלקער,
זײַנענ זײַנ רויטע ארמיי!



א ליד פון גערעטעניש

מיר שנײַדן, וואָס מיר זייען,
דעם בעסטן ווייץ און גערשטן.
און זייען פרײַ און שנײַדן פרײַ —
איז אונדזער לאַנד דאָס ערשטע!

שאַרף איז אונדזער אַקער,
ברייט איז דער פּאַרזיי. —
ווײַל זײַנ די רויטע היטן אונדז —
די העלדישע אַרמיי!

געזונט זאָל אונדז זײַן אונדזער רויטע אַרמיי —
אַלע אײנײנעם און יעדער פון זיי!

ווי מענטשן סע געראָטן,
געראָט אונדז ווייץ און קאָרן,
פאַר אונדז — א גרויס גערעטעניש,
דעם פײַנט — א גרויסער דאָרן!

שארף איז אונדזער אקער,
שארפער נאָך — די שווערד.
די רויטארמיי — אינ פײַער גרייט
פאר אונדזער פרײַער ערד!

געזונט זאָל אונדז זײַנ אונדזער רויטע ארמיי —
אלע איניינעמ אונ יעדער פונ זיי!

אינ יאמ-טיפ, אפ די ערדנ,
אינ הייכ, אינ אלע קאנטנ, —
געראָט אונדז די גערעטעניש
פונ העלדנ אונ טאלאנטנ!

שארף איז אונדזער אקער,
ברייט איז דער פארזיי.
די זינ די רויטע היטנ אונדז —
די העלדישע ארמיי!

געזונט זאָל אונדז זײַנ אונדזער רויטע ארמיי —
אלע איניינעמ אונ יעדער פונ זיי!

אונ אויב די שאָ וועט טרעפנ
אונ אויב מע וועט באדארפנ,
איז בײַטנ מיר דעמ אקער-קלונג
אפ שווערד, אפ שווערד א שארפנ.

שארף איז אונדזער אקער
שארפער נאָך — די שווערד —
די רויטארמיי אינ פײַער גרייט
פאר אונדזער פרײַער ערד!

געזונט זאָל אונדז זײַנ אונדזער רויטע ארמיי —
נאָך געזינטער, נאָך שטארקער א יעדער פונ זיי!



דער יאָנטעוו פונ פריזיוו

וואָס איז הײַנט פארגאָסנ
מיט ליכט אָט דאָס הויז?
פונ וואָס איז די סימכע
אָ׳דאָרט אזוי גרויס?

זאָל זײַנ, פונ געבורט־הויז
געבראכט האָט די מאמע
איר נײַעמ, געבוירענעמ
יאטל? — מיסטאמע.

צי גאָר די מיזינקע
מע גיט דאָרטנ אויס? —
וואָס איז דאָרט די סימכע
אָ׳דאָרט אזוי גרויס?

וואָס טויג מיר דאָס פרעגנ,
וואָס דארפ איכ דאָס ט.־עפנ?
פאר מיר טוט די טיר זיכ
א פרײַנטלעכנ עפנ.—

פיל מענטשנ דערזע איכ
אינ שענסטנ געקליידטע,—
פארברענגענ אינ סימכע
בא טישנ געגרייטע.

אונ טאָסטנ זיי הייבנ
פאר איינעמ, פאר איינעמ,
א יונגנ, א שיינעמ,
א באָכער מיט ביינער.—

אונ דאָ ערשט פארשטיי איכ
די סימכע פונ זיי:
דער יאט טרעט ארײַנ
אינ דער רויטער ארמיי!

באמ יאט איז א יאָנטעוו,
ס'איז יאָנטעוו בא יעדנ,
בא פאָטער אונ מוטער,
בא באבענ אונ זיידנ.

דאָס זעט מענ אינ געגגל,
דאָס הערט מענ אינ ריידנ—
דעמ יאָנטעוו פונ פריזיוו
מע יאָנטעווט אינ פריידנ.

מע זינגט אונ מע דרייט זיכ,
די מאמע — זי קוועלט. —
דאָס לעבנ איז ליכטיק
בא אונדז אפ דער וועלט!

היי, ברייטער דאָס רעדל,
א פריילעכס הייבט אָנ —
די באבע דעמ זיידנ
זי פירט אינעמ קאָנ!

אונ איינס קעגנ צווייטנ, אונ איינס קעגנ צווייטנ
מיט ערנסט, מיט פייַער דאָס פּאָרל זיכ דרייט.

זי קוקט צומ קארניז, ער קוקט צו די פיס,
קוקט זי צו די פיס, קוקט ער צומ קארניז.

אונ איינס קעגנ צווייטנ, אונ איינס קעגנ צווייטנ,
סע פאטשט מיט די הענט צו דעמ טאקט זיי די קייט.

געענדיקט דאָס טאנצנ
מע גייט צו די טישנ,
מיט טיי אונ מיט פרוכטנ
באנייַס זיכ דערפרישנ.

דערנאָכ זאָגט דער זיידע:
— אהיימ גיינ, סע טאָגט!
ער גייט צו צומ איניק
אונ קושט אימ אונ זאָגט:

— „גיב איבער דעם מאַרשאַל —
מײַן דאַנק, מײַנע גרױסן,
צװײ זין מײַנע האָט ער
געמאַכט פאַר טאַנקיסטן.

איך בין ניט מעקאַנע
דעם פײַנט און זײַן טאַטן,
װאָס װעלן זיך שטערן
אין װעג מײַנע יאַטן!

און איצט זאָג דעם מאַרשאַל
איך האָב אים געגריסט,
איך בעט, אױך מײַן אײניק
זאָל זײַן אַ טאַנקיסט!"

א בריוו דעם כ׳ וואָראָשילאָוו

אוועק איז מײַן ברודער
אין רויטער ארמיי,
מײַן ברודערל ליבער
אין רויטער ארמיי.

כאווער וואָראָשילאָוו!
כ׳האָב ליב אים א סאך.
כאווער וואָראָשילאָוו!
איז שטעל אים אפ דער וואך!

א שלאָגלער מײַן ברודער,
פרעמירט אין ווארשטאט,
א יאט איז מײַן ברודער,
שוין איינמאָל א יאט!

כאווער וואָראָשילאָוו!
כ'האָב ליב אים אזוי!
כאווער וואָראָשילאָוו,
דאָס לאנד אימ פארטרוי!

אָט הערט מענ — פאשיסטנ,
זיי שארפנ די שווערד,
ניט אנדערש — זיי ווילנ
סאָוועטישע ערד!

כאווער וואָראָשילאָוו,
דעמ ערשטנ אינ קריג,
כאווער וואָראָשילאָוו,
מייַנ ברודערל שיק!

א שלאָגלער מייַנ ברודער,
דער בעסטער בא אונדז!
ער וועט זיי באווייַזנ
א קריכנ צו אונדז!

כאווער וואָראָשילאָוו!
אונ טאָמער ... ער פאלט, —
כאווער וואָראָשילאָוו,
איז שרייַב מיר דאנ באלד!

איכ בינ שוינ א גרויסער,
איכ וואקס נאָכאנאנד,
איכ לערנ זיכ האלטנ
א ביקס אינ דער האנט!

מײַן אייניק

איך פארמאָג אזוינס, אזעלעכס,
וואָס מע קויפט עס ניט פאר געלט.
איך פארמאָג א קלײנעם אייניק, —
איז ער איינער אין דער וועלט!

זײַן הארמאט ער שטעלט צוקאָפּנס
שטענדיק, ווען ער שלאָפן גייט. —
— אויב באנאכט, מע רופט מיך, זאָגט ער,
און סע פינצטער — בין איך גרייט...

הײַנט ווי שפּילט ער אף זײַן פידל,
אף מײַן וואָרט, די שטוב צעגלאנצט!
אף מײַן וואָרט, איך זיץ ניט רויִק —
כ'שטעל זיך אוף און גיי א טאנץ.

אָנגעטאָן האָט זיך מײַן אייניק,
באם הארמאט פארנעמט זײַן אָרט.
ציט זיך אויס פאר מיר ארמײיִש
און מיט הארץ ער זאָגט זײַן וואָרט:

— זײַ געזונט, מײַנ ליבע באבע,
זײַ געזונט, נאָכ מיר ניט בענק. —
כ׳האָב פונ שטאב א בריוו באקומענ,
אז צומ גרענעצ קריכנ שלענג.

— ניינ, איכ לאָז דיכ ניט, מײַנ אייניק,
ווער וועט שפּילנ פידל מיר?
— באבע, כ׳וועל זיי נאָר צעקלאפּנ —
קומ איכ אונ וועל שפּילנ דיר!

— ניינ, איכ לאָז דיכ ניט אהינצו,
טויזנט שלאנגענ זײַנענ זיי.
— באבע, כ׳גיי ניט איינער, כ׳גיי דאָכ
מיט דער גאנצער רויטארמיי!

— ניינ, איכ וויל אינ דר׳היימ ניט בלײַבנ,
ניינ, אליינ איכ לאָז דיכ ניט.
אינ מילכאָמע מיט די שלאנגענ
נעמ דאָכ אויכ דײַנ באבע מיט!

— ניינ, מע קאָנ דיכ דאָרטנ טויטנ
בעסער, באבע, בלײַב אינ דר׳היימ.
קענסט זײַנ רויִק, אז צעקלאפּ
וועלנ מיר זיי דאָרט אליינ.

— אויב אזוי, איז פאָר, מײַנ שטערנ,
וואקס אונדז אויס א גרויסער העלד. —
אייניק מײַנער, קליינעק מײַנער,
בעסטער מײַנער אינ דער וועלט!

מאטראָסנ־ליד

מיר, יונגע מאטראָסנ
פונ רויטנ פלאָט,
מיר פירנ די שיפנ
פונ שטאָט צו שטאָט.

אונדז קענ ניט דערשרעקנ
קיינ שטורעמס, קיינ טיפנ —
מיר זײַנענ מאטראָסנ
פונ רויטע שיפנ.

פריילעכ אונ פעסט
בא רויטע דער שפאנ —
אינ לופט,
אפ ערד, —
אפ אָקעאנ!

פונ ארבעטער, פויערימ
איז אונדזער שטאמ.
מיר היטנ די ברעגנ,
מיר װאכנ אינ יאמ.

מיר היטנ די ערדנ,
די הייכנ, די טיפנ —
מיר זײַנענ מאטראָסנ
פונ רויטע שיפנ.

פרייל̄עכ אונ פעסט
בא רויטע דער שפאנ —
אינ לופט,
אפ ערד,
אפ אָקעאנ!

יונגע שיסער

גיסט א רעגן א געשמאקער,
לאָמיר גיכער וואקסן.
שטארקע הענט און רויטע באקן,—
העכער אין די אקסל.

וואקסן קינדער גיכער, שטארקער,
וואָראָשילאָוו־שיסער.
ליאָפּעט, וואָלקנס, גיסט געשמאַקער,
וואָלקנס, רעגן־גיסער!

אז מיר וועלן צו דעם פּריזיוו
אָט־טאָ־טאָ זיך שטעלן,
זאָל אונדז כאָווער וואָראָשילאָוו
פאר ארמייער וועלן!

וועלנ שטעלנ אונדז ווי שיסער,
אינ די ערשטע רייענ,
אז מיר זאָלנ די פאשיסטנ
קעפּ ארונטערדרייענ.

מירנ פירנ עראָפּלאנענ,
מירנ פירנ טאנקענ,
פײַנט ביט וויסנ וועט, פונוואנענ
מירנ אימ דערלאנגענ!

מירנ אימ אפ טויזנט וועגנ
כאַפּנ אונ צעקלאפּנ.
זאָל ער זיכ צו אונדז דערוועגנ
אויסשטרעקנ זײַנ לאַפּע!

וואָס מיר וויסנ — וויסנ מיר:
ווו פאשיסטנ זײַנענ,
דאָרט איז אומגליק, וויסנ מיר,
דאָרט איז בלוט אונ פּײַנענ.

וואָס מיר וויסנ — וויסנ מיר:
דאָרט, ווו רויטע זײַנענ,
דאָרט די פעלקער, וויסנ מיר,
פרייענ זיכ אונ שײַנענ!

אז איכ וועל אויסוואקסנ

יענע, יענע לאָשעקעס
מיט די פײַכטע אויגנ,
מיט די העלדזוער גלאנציקע,
קײַלעכדיק געבויגנ;

יענע, יענע לאָשעקעס
מיט די שטארקע ציינער,
בא די הויכע קאָרעטעס
אינ די שטאלנ ריינע:

יענע, יענע לאָשעקעס
מיט די אייד׳לע גלידער,
שטעלט זיכ נאָר א פליג אפּ זיי —
טוט די הויט א ציטער;

יענע, יענע לאָשעקעס
מיט די פיסלעכ גרינגע,
ווענ די שטאל מע עפנט זיי —
לויפנ זיי אונ שפרינגענ,

שפרינגענ אונ צעלויפנ זיכ;
אזש די ערד זיכ טרייסלט. —
יענע, יענע לאָשעקעס
קאָנ איכ ניט פארגעסנ!

קאָנ איכ ניט פארגעסנ גאָר,
ווי מע בייגט דעמ רוקנ.
ווענ דער קאָניוכ קומט אריינ,
נעמט מענ אימ באקוקנ.

יענע, יענע קאָניוכעס,
וועלכע ריידנ צערטלעכ
מיט די לייכטע לאָשעקעס,
מיט די הייסע פערדלעכ;

יענע, יענע קאָניוכעס
מיט די וואָנסעס הארטע,
מיט די לייבלעכ ווארעמע,
מיט די קורצע פארטעככ;

יענע, יענע קאָניוכעס,
וואָס זיכ פירנ פרייע
צווישנ קעפ אונ קאָפיטעס,
בא די פערד, ווי פייער,

האָבנ גאָר קײנ מוירע ניט
צווישנ זײ זיכ רוקנ!
יענע, יענע קאָניוכעס
האָב איכ ליב מעסוקנ!

אכ, אז איכ וועל אויסוואקסנ,
לאנגע הויזנ טראָגנ,
קומ איכ צו די קאָניוכעס
אונ איכ וועל זײ זאָגנ:

„פינעפ קינדער זײַנענ מיר,
שוועסטערלעכ אונ ברידער,
אײנע איז א פליערנ,
צווײטער שרײַבט שוינ לידער,

דריטע איז א העבערנ,
נאָכ אינ שול דער פערטער,
איכ — דער סאמע פינעפטער —
איכ וויל זײַנ בא פערדלעכ!"

— אזא יאט א פרײלעכער —
ווו ביסטו געוואקסנ?
מיט אזעלכע מוסקולנ,
מיט אזעלכע אקסל!

אינעמ קוק דערקענ איכ דיכ:
ביסט פונ פיאָנעריע!
נעמ זשע זיכ א פערד בא אונדז
אונ פאָר אינ קאוואלעריע!

שפּרינג איכ אפנ פערד אונ פלי,
פליִענ סאָסנעס, קלאָנענ!..
קומ איכ אָנ אונ שפּרינג אראָפּ:
— מארשאל בודיאָני!

אויב אפ גוט מע לערנט זיכ
אונ אפ אויסגעצייכנט,
איז אינ קאוואלעריע
קאָנ מענ זײַנ פארעכנט?

מארשאל דרייט א וואָנסע זיכ,
טוט צו מיר א שמייכל:
— וואקס נאָכ צו א קאפּעלע,
וועסטו זײַנ פארעכנט!

— ווארטנ? ווידער ווארטעניש?...
— זאָג נאָר, קענסט דענ שיסנ?
אונ צומ זאָטל־סטרעמעניע
גרייכסטו מיטנ פיסל?

פלי איכ גיכ אהיימ צוריק,
וואקס איכ גיכ אונ לערנ,
בא בודיאָנינ וועל איכ זײַנ —
א בודיאָנער ווערנ!

רויטע רײַטער

רײַטנ רויטע רײַטער,
וויגנדיק זיי רײַטנ,
דינע פיס בא פערדלעכ
צאָקנדיק זיכ בײַטנ:
צאָק,
צאָק,
צאָק,
צאָק.

אונ שטיינערנעמ ברוקיר,
די פיקעס אינדערלופט,
פאָרויס דער קאָמאנדיר.

יאטנ אינ די זאָטלענ —
רײַטנ רויטע העלדנ,
יאטנ פונ זאוואָדנ,
יאטנ פונ די פעלדער —
צאָק,
צאָק,
צאָק,
צאָק.

זיי קוקנ אינדערווײַט,
די פיקעס אינדערלופט,
די ביקסנ אפדערזײַט.

קלאפנ אפנ פלאסטער,
קאָפיטעס סע קלאפנ,
קאָפיטעס די פעסטע
פלאסטער־שטיינ באטאפנ.
צאָק,
צאָק,
צאָק,
צאָק.

די צוימענ אינ דער האנט,
די פיקעס אפ פאָרויס —
צום גרענעצ פונעמ לאנד!

בריוו

שרײַבט צו דעמ אײניק די באבע א בריוו,
אזש פונ טיפנ וואלד:
קאָטשערעס, לאָפעטעס שרײַבט זי צו איר:
— „קומ צו פאָרנ באלד.

וועווערקעס קלאפנ אינ פענצטערל מיר:
— מירענ, מירענ ברענג!
קומ שוינ צו פאָרנ, איכ וויל דיכ שוינ זענ,
קומ אראָפ, מע בענקט!״

ענטפערט די מירע דער באבענ א בריוו,
אזש אינ טיפנ וואלד.
שטעקעלעכ, פלעקעלעכ שרײַבט זי צו איר:
— „כ'קענ ניט קומענ באלד.

כ׳לערנ זיכ, כ׳לערנ זיכ פליִענ אינ הויכ, —
איז אינ צײַט מיר ענג.
דיכ אונ די וועוועקעס גלוסט זיכ מיר זענ,
גלוסט זיכ שטארק, איכ בענק.

כ׳לערנ זיכ, כ׳לערנ זיכ פליִענ אינ הויכ...
א מאשינ איכ פיר.
ס׳ווילנ פאשיסטנ זיכ לאָזנ אפ אונדז —
ווי געפעלט עס דיר!

ווילנ אונדז טרויערדיק מאכנ, — די [illegible]לענג, —
אָרעמ אונ געמיינ.
ס׳ווילנ פאשיסטנ פארקנעכטנ דאָס פאָלק —
באבע, זאָג אליינ!

איכ נעמ די מאשינ,
איז טוט זי מיכ פאָלגנ,
זי טראָגט מיכ אהינ,
ארופ צו די וואָלקנ.

אונ העכער, צומ ווינט,
צו פראָסטיקע שטרעקעס,
זי טראָגט זיכ געשווינד
אינ הימל אָנ ברעגעס.

אונ שפרינגענ איכ קענ
אינ וואָלקנס, אינ שקוואלנ,
אונ, באבע, וועסט זענ, —
באמ װאלד װעל איכ פאלנ.

זאָלסט קוקנ, סע בליט
אינ הימל א שירעמ, —
איז דאָס צו דיר פליט
דײַנ אייניקל מירעמ.

דערנאָכ וועל איכ ברענגענ
דעמ אעראָפּלאנ, —
אונ ווהי'נ דו טוסט בענקענ,
איז פיר איכ דיכ דאנ.

צו קינדערלעכ הײַנע,
די זינ אונ די טעכטער, —
די אייניקלעכ פײַנע,
די העלדישע וועכטער.

די פליִערס, די רײַטערס,
די רויטע ארמייער,
אוי, וועלנ די קינדער
מיט דיר זיכ דערפרייענ!

האָסט פיל רויטארמייער
אינ ראטנפארבאנד. —
אוי, טײַערע וועכטער
באוואכנ דאָס לאנד!"

רויטע ארמיי

רויטארמייער, באָלשעוויק —
פירט מילכאָמע קעגן קריג.
פירט מילכאָמע, פירט מילכאָמע
מיט בורזשוי און בירזשעוויק,
פירט מילכאָמע, פירט מילכאָמע,
פירט צום גרויסן זיג.

ליד און בוך, ביקס און ברוסט, —
גאָר די וועלט באפרײַט זײַן מוז!

רויטארמייער, באָלשעוויק —
קעמפט פאר פראָלעטאריש גליק.
פירט מילכאָמע, פירט מילכאָמע
פאר די קינדערס פרײַען גליק.
פירט מילכאָמע, פירט מילכאָמע,
פירט צום גרויסן זיג.

ליד און בוך, ביקס און ברוסט —
גאָר די וועלט באפרײַט זײַן מוז!!

אינהאלט

זײַט

אנטקעגן די פײַנט די צעשטעלטע 3

א ליד פון גערעטעניש 7

דער יאָנטעוו פון פריזיוו 11

א בריוו דעם כ׳ וואָראָשילאָוו 15

מײַן אייניק 19

מאטראָסן־ליד 21

יונגע שיסער 25

אז איך וועל אויסוואקסן 27

רויטע רײַטער 33

א בריוו 35

רויטע ארמיי 40

פארן מיטעלן עלטער

Редактор — *Л. Гольдберг*
Техредактор - *М. Погостер*
Корректор—*М. Розенгауз*
Сдано в набор 20|I-38 г.
Подпис. к печ. 3|II-38 г.
Ф. б. 72Х105 $^1|_{16}$ $2^3/_4$ п. л.
Уполном. Главлита
РСФСР Б—33478
„Эмес“ № 3. Тир. 3000.
Тип. „Эмес“, Москва,
Покровка, 9.
Зак. № 94.
Цена 2 р.

Цена **2** р.

[illegible]

КРАСНАЯ АРМИЯ

Издательство [illegible]

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13494

ROYTE ARMEY

Leib Kvitko

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS